**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 9/22/2025 **גאווערנער קעטי האקול**

## MOVE-IN NY: גאווערנער האקול אנאנסירט דורכברוך אין אפאָרדעבעל היים אייגנטומערשאפט פאר ניו יארקער

***נייע סארט פאבריק-געבויטע סטאַרטער האָומס געבויט אין פיל קורצערע צייט מיט כמעט האלב די קאסט***

***גאווערנער הייבט ארויס אוועקשטעלונג פון 50 מיליאן דאלארדיגע איניציאטיוו צו שאפן מער אפאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט***

***בויט ארויף אויף גאווערנער'ס פארפליכטונג צו העלפן מער פאמיליעס פארווירקליכן די טרוים פון היים אייגנטומערשאפט***

***בילדער פון גאווערנער האקול באקומענדיג א טור ביי מאדעל הויז אין סירעקיוז פארעפנטליכט [דא](#)***

גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) האט היינט אנאנסירט די אוועקשטעלונג פון "MOVE-IN NY" א שעפערישער אפאָרדעבעל היים אייגנטומערשאפט פראגראם פאר וועלכע זי האט געקעמפט, וואס איז ערפאלגרייך אויספראבירט געווארן מיט די בויאונג פון דריי נייע סטאַרטער האָומס (היימער געמאכט צו זיין די ערשטע היים פאר די אייגנטימער) אין די סיטיס אָוו סקענעקטעדי און סירעקיוס און אין די טאון אָוו ניוּקאמב. דער פראגראם ווערט יעצט אויסגעברייטערט אריבער די סטעיט צו אויפבויען ביז נאך אזויפיל ווי 200 סטאַרטער האָומס.

"די דורכברעכנדע איניציאטיוו האט די פאטענציאל צו ברענגען א מהפיכה אין די וועג וויאזוי מיר שאפן ערליך-דעזיינטע סטאַרטער האָומס פון א הויכע קוואליטעט אין ניו יארק", **האט גאווערנער Hochul (האקול) געזאגט.** "מיט די קאאפעראציע פון אונזערע לאקאלע שותפים אין שטאטישע, שטעטלישע און סאָב-אורבען געגנטער פון די סטעיט, וועט דער MOVE-IN פראגראם העלפן אדרעסירן די שטייגנדע קאסטן פון האוזינג און ערמעגליכן מער ניו יארקער זיך צו קענען ערלויבן זייער אייגענע היים און פארווירקליכן די טרוים פון היים אייגנטומערשאפט."

דער פראבע פראגראם אין די ערשטע דריי קאמיוניטיס איז געווען א צוזאמענארבעט צווישן ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal) און Champion Homes, א פאבריק-געבויטע האוזינג פירמע באזירט אין די טאון אָוו סענגערפיעלד אין אניידע קאונטי. די 1,500-סקווער-פיסיגע היימער מיט דריי שלאף צימערן און צוויי בית הכסא'ס, אריינרעכנענדיג א טעראסע און גאראזש, זענען געבויט געווארן אין א פאבריק און דאן אינסטאלירט געווארן אויף ליידיגע שטח אין אייגנטום פון לאקאלע 'לאנד בענק'. די היימער האבן גענומען-זעקס חודשים צו פארענדיגן און קאסטן אומגעפער $250,000 צו בויען און אינסטאלירן — זייענדיג דריי מאל אזוי שנעל און נאענט צו האלב אזוי ביליג פון היימער פון אן ענליכע מאס וואס ווערן געבויט נוצנדיג טראדיציאנאלע קאנסטרוקציע

מעטאדן. די היימער וועלן פארקויפט ווערן פאר ווייניגער פון די קאסטן פון קאנסטרוקציע פאר מענטשן וואס קויפן די הייזער וואס האבן נידעריגע און מיטלמעסיגע איינקונפט.

אין פארבינדונג מיטן אויסברייטערן דעם פראגראם, וועט די ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל (Homes and Community Renewal, HCR) ארויסלייגן אן איינלאדענונג פאר אפליקאציעס (Request for Applications, RFA) אום 4:00 נאכמיטאג אויפן ניו יארקע זייגער. אינטערעסירטע לאקאלע רעגירונגען, 'לאנד בענק', נאָן-פראפיט האוזינג דעוועלאפערס און הײם פאבריק פירמעס קענען לערנען מער און אפלייען זיך צו באטייליגן דורכן באזוכן https://hcr.ny.gov/moveinny.

אריבער ניו יארקער, זענען קלענערע, מער אפאָרדעבעל היימער – אפט גערופן "סטאַרטער האָומס" – געווארן שווערער און שווערער צו טרעפן, פארמיידנדיג פון יונגע מענטשן און פאמיליעס פון ווערן ערשטמאליגע הײם אייגנטימער און פון עלטערע ניו יארקער פון אריבערגיין צו קלענערע היימער וואס זענען פאסיגער פאר זיי. אין לעצטיגע יארן זענען קאנסטרוקציע קאסטן, מאטעריאלן און אינטערעסט ראטעס אסאך ארויפגעגאנגען, מאכנדיג די טיפישע קאסטן צו אויפבויען א קליינע הײם פאר אן איינצלנע פאמיליע אין ניו יארק אזויפיל ווי $450,000 אדער מער.

אלס טייל פון איר 2025 'סטעיט אָוו די סטעיט' רעדע, האט גאווערנער Hochul (האקול) פארגעשלאגן צו אונטערנעמען שעפערישע שיטות פון בויען היימער כדי צו פארמערן די קאנסטרוקציע פון סטאַרטער האָומס און העלפן שאפן מער געלעגנהייטן פאר אפאָרדעבעל הײם אייגנטומערשאפט. דער MOVE-IN NY פראגראם שפאנט איין די בענעפיטן פון פון-פאראויס פאבריצירטע היימער צו שנעלערהייט אויפבויען מער אפאָרדעבעל סטאַרטער האָומס אין קאמיוניטיס אריבער ניו יארק. דער פראגראם ווערט געשטיצט דורך 50 מיליאן דאלאר וואס די גאווערנער האט פארזיכערט אין די דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025-26. די פאבריק-געבויטע היימער וועלכע ווערן גענוצט אין דעם MOVE-IN NY פראגראם קענען געבויט ווערן שנעלערהייט און ביליגערהייט אויף א גרויסע פארנעם. גערופן "CrossMods", זענען די היימער געבויט ווי טראדיציאנאלע איינצלנע-פאמיליע היימער, און זיי קענען גענוצט ווערן אין אלע סארטן האוזינג מארקעטס, אריינרעכענענדיג שטאטישע, סאָב-אורבען און שטעטלישע קאמיוניטיס.-

CrossMods ווערן געבויט אונטער די פעדעראלע HUD פאבריק-געבויטע הײם קאנסטרוקציע און זיכערהייט סטאנדארטן רעגולאציעס (Manufactured Home Construction and Safety Standards Code) און קומען נאך דעזיין פראטאקאלן באשטעטיגט דורך Fannie Mae און Freddie Mac, ערמעגליכנדיג מענטשן וואס קויפן די סארטן היימער צו קענען ארויסנעמען געהעריגע מארטגעדזשעס.

די אויסברייטערונג פון MOVE-IN NY וועט זוכן צו ארבעטן מיט קאמיוניטיס וועלכע האבן אסאך ליידיגע שטחים אין זאנעס וואס זענען דעזיגנירט פאר וואוינונגען און מיט לאקאלע געגנטער וואו אפאָרדעבעל הײם אייגנטומערשאפט געלעגנהייטן זענען שווער צו באקומען פאר איינוואוינער. די HCR וועט אויך פארזעצן צו באטראכטן נאך נייע געדאנקען פאר פאבריק-געבויטע סטאַרטער האָומס צו בויען נאך מאדעלן, ווי טאַונהאַוז היימער און אנדערע מערערע-שטאקיגע הייזער וועלכע וואלטן געקענט באדינען מער געדעכט-באוואוינטע קאמיוניטיס און געגנטער.

דער פראגראם ערגענצט די HCR'ס ארבעט צו שטופן פאר אפאָרדעבעל הײם אייגנטומערשאפט, אריינרעכענענדיג איר אפאָרדעבעל הײם אייגנטומערשאפט געלעגנהייט (Affordable Homeownership Opportunity) פראגראם, איר Manufactured Home Advantage פראגראם און איר ניו יארק סטעיט מארטגעדזש אגענטור'ס (State of New York Mortgage Agency) רייע פון מארטגעדזש פראגראמען פאר מענטשן וואס קויפן א הײם.

**ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל קאמישאנער, RuthAnne Visnauskas (רוט-ען וויסנאָסקעס), האט געזאגט,** "דער MOVE-IN פראגראם איז א שעפערישע וועג צו שאפן אפּאָרדעבעל היים אייגנטומערשאפט געלעגנהייטן. די 50 מיליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג וועט ערמעגליכן די סטעיט צו באדייטנד אונטערטרייבן די פראדוקציע פון מער האוזינג אויף רעקארד-הויכע שנעלקייטן כדי צו אדרעסירן די מאנגל אין סופליי. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) פארן אונז גיבן מער כלים צו קענען שאפן נייע וועגן צו היים אייגנטומערשאפט פאר ניו יארקער. און א ספעציעלע דאנק פאר אונזערע שותפים אין סירעקיוּס, סקענעקטעדי און ניוקאמב, און אזוי אויך פאר Champion Homes, פארן אויפווייזן אז דער פראגראם וועט זיין א הצלחה!"

**גאווערנער Hochul'ס (האקול) האוזינג אגענדע**

די היינטיגע אנאנסירונגען בויען ארויף אויף גאווערנער Hochul (האקול)'ס שטארקע רעקארד זינט זי איז אריין אין אפיס מיטן שטיצן היים אייגנטומערשאפט אין ניו יארק סטעיט. אין יאנואר פון 2022, האט גאווערנער Hochul (האקול) אוועקגעשטעלט די לאנד'ס-ערשטע 465 מיליאן דאלארדיגע היים אייגנטימער הילף קאסע (Homeowner Assistance Fund) צו העלפן 19,600 היים אייגנטימער וועלכע זענען געווארן הונטערשטעליג מיט באצאלונגען צוליב די פאנדעמיע בלייבן אין זייערע היימער. אלס טייל פון די דורכגעפירטע סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2023, האט זיך איינגעפירט א 25 ביליאן דאלארדיגע האוזינג פלאן צו בויען אדער פרעזערווירן 100,000 אפּאָרדעבעל היימער אריבער די סטעיט, אריינרעכענענדיג היים אייגנטומערשאפט געלעגנהייטן. מער פון 65,000 היימער זענען שוין געבויט אדער פרעזערווירט געווארן ביז היינט.

אונטער די גאווערנער'ס פירערשאפט, האט די HCR צוגעשטעלט מער פון 1.8 ביליאן דאלאר פאר נאענט צו 8,000 מארטגעדזשעס פאר מענטשן וואס קויפן זייער ערשטע היים און האט צוגעשטעלט הלוואות צו בויען מער פון 8,000 נייע היימער צו פארקויפט ווערן. זינט גאווערנער Hochul (האקול) איז אריין אין אפיס, האט ניו יארק אוועקגעשטעלט א סטעיט-ברייטער דאַון פעימענט הילף פראגראם וואס האט פארטיילט איבער 60 מיליאן דאלאר פאר 5,000 ערשטמאליגע היים אייגנטימער, א 50 מיליאן דאלארדיגער פראגראם צו ארויסהעלפן בארעכטיגטע היים אייגנטימער מיט עמערדזשענסי פאררעכטונגען און א 90 מיליאן דאלארדיגער פראגראם צו העלפן אפעקטירטע היים אייגנטימער זיך ערהוילן נאך שטורעמעס.

אין דעצעמבער פון 2023, האט גאווערנער Hochul (האקול) אונטערגעשריבן א ביל וואס האט פארשטערקערט שוץ מאסנאמען פאר טויזנטע היים אייגנטימער וועלכע געפונען זיך אין די פארקלאָזשער פראצעדור. אין נאוועמבער פון 2023 און אפריל פון 2024, האט די גאווערנער געקעמפט פאר- און אונטערגעשריבן נייע ציווילע און קרימינאלע געזעצליכע שוץ מאסנאמען פאר היים אייגנטימער קעגן שטר קנין גניבות, אריינשטעלנדיג די פארברעך פון שטר קנין גניבות אין די גניבה געזעצן ('לאַרסעני סטאטוט') צום ערשטן מאל, גיבנדיג פאר פראקוראָרן שטערקערע כלים צו באקעמפן די רשעות'דיגע פארברעכנס און שאפנדיג נאך פארברעכן-פארמיידנדע מאסנאמען בשותפות מיט ניו יארק סטעיט אטוירני דזשענעראל (New York State Attorney General, NYOAG) Tish James (טיש דזשעימס). זינט זי איז אריין אין אפיס, האבן די גאווערנער און NYOAG געשטיצט 160 מיליאן דאלאר ביז היינט אין לעגאלע סערוויסעס פאר דעם היים אייגנטימער באשיצונג פראגראם (Homeowner Protection Program, HOPP) וואס האט צוגעשטעלט קריטישע סערוויסעס פאר 15,000 היים אייגנטימער וועלכע זענען געווען אין געפאר פון פארלירן זייערע היימער, ראטעווענדיג מיליאנען דאלאר אין פארמעגנס און סטאביליזירנדיג קאמיוניטיס.

אין 2025 האט די גאווערנער ווייטער אונטערגענומען שריט צו אנטמוטיגן גרויסע אינסטיטוציאנאלע אינוועסטירער פון קויפן היימער אין גרויסע צאלן כדי צו העלפן גיבן גלייכע געלעגנהייטן פאר טאג-

טעגליכע מענטשן וואס ווילן קויפן א היים, אריינרעכענענדיג א 90-טאגיגע ווארט צייט פאר אפפערס פון אזעלכע אינוועסטירער און אוועקנעמען געוויסע שטייער בענעפיטן.

**סטעיט סענאטארשע Rachel May (רעיטשעל מעי) האט געזאגט,** "סירעקיוּס איז א שטאט וואס איז פול מיט פאטענציאל, אבער צו אפט ווערט די פאטענציאל אפגעהאלטן דורך ליידיגע שטחים און האוזינג פרייזן וואס זענען שווער צו באצאלן. מיט MOVE-IN NY, ווייזן מיר אויף אז מיר קענען אריינברענגען א נייע לעבן אין אונזערע געגנטער, שאפן עררייכבארע וועגן צו היים אייגנטומערשאפט און בויען די סארטן היימער וועלכע לאזן מער מענטשן שלאגן ווארצלען און בויען פאמיליעס דא. דאס איז גענוי די סארט שעפערישקייט וואס מיר דארפן צו מאכן שטערקערע, מער ווארעם אויפנעמנדע קאמיוניטיס וואקסן אריבער צענטראל ניו יארק."

**אסעמבלי מיטגליד Angelo Santabarbara (ענדזשעלאָו סענטעבאַרבארע) האט געזאגט,** "עס קומט זיך פאר יעדע פאמיליע צו האבן די געלעגנהייט צו פארווירקליכן די טרוים פון היים אייגנטומערשאפט, און דער MOVE-IN NY פראגראם מאכט דאס מעגליך אין קאמיוניטיס ווי סקענעקטעדי און אריבער אונזער סטעיט. דורכן זיך באנוצן מיט שעפערישע בויען מעטאדן צו שניידן קאסטן און אונטעראיילן קאנסטרוקציע, עפענען מיר טירן פאר מענטשן וואס קויפן זייער ערשטע היים און מיר שאפן דערמיט נייע געלעגנהייטן פאר פאמיליעס וועלכע וואלטן זיך דאס אנדערש נישט געקענט ערלויבן. דאס איז א קלוגע אינוועסטירונג אין אונזערע געגנטער, אונזער ארבעטסקראפט און די צוקונפט פון ניו יארק."

**סקענעקטעדי מעיאר Gary R. McCarthy (גרעי ר. מעקקארטי) האט געזאגט,** "דער Move-In New York פראגראם איז א קלוגע און צייטליכע כלי אונז צו העלפן בויען האוזינג פון א הויכע קוואליטעט שנעלערהייט און צו אדרעסירן די האוזינג אפארדעביליטי קריזיס וואס קאמיוניטיס שטייען אויס אריבער אונזער סטעיט. סקענעקטעדי איז שטאלץ צו שטיין אין שפיץ וועג אלס איינע פון די ערשטע שטעט זיך צו באטייליגן אין די איניציאטיוו, און מיר זענען דאנקבאר פאר גאווערנער Kathy Hochul (קעטי האקול) און ניו יארק סטעיט האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל פארן זיין אויסערגעווענטליכע שותפים צו אונזער שטאט און פארן שטיין אין שפיץ וועג מיט שעפערישע האוזינג לייזונגען אריבער ניו יארק סטעיט."

**Capital Region Land Bank פארזיצער, Richard Ruzzo (ריטשארד רוּצאָו), האט געזאגט,** "דאס ערפילן די האוזינג געברויכן פון אונזערע קאמיוניטי בלייבט צענטראל צו די מיסיע פון די Land Bank. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול) און קאמישאנער Visnauskas (וויסנאָסקעס) פאר די געלעגנהייט זיך צו באטייליגן אין דעם וויכטיגן פראבע פראגראם, און מיר קוקן ארויס צו אויפנעמען א פאמיליע אין זייער נייע היים אין סקענעקטעדי גאר בקרוב."

**Essex County Land Bank פרעזידענט און CEO, Nicole Justice Green (ניקאל דזשאָסטיס גרין), האט געזאגט,** "דאס אוועקשטעלן די CrossMod היים אין ניוקאמב צייכנט אפ א טראנספארמאטיווער מאמענט פאר די Essex County Land Bank און פאר שטעטלישע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט, באזונדערס די אינערהאלב דעם עדיראַנדעק פארק ראיאן. אלס איינע פון די ערשטע שטעטלישע 'לאנד בענק' אין ניו יארק, ווייזן מיר אויף אז שעפערישע האוזינג מאדעלן קענען שלאגן ווארצלען אפילו אין די מערסטע פארשטופטע ווינקלען פון די סטעיט. דער פראיעקט ווייזט אויף וואס איז מעגליך ווען די סטעיט און לאקאלע שותפים ארבעטן צוזאמען צו ברענגען עררייכבארע היימער פון א הויכע קוואליטעט צו די מענטשן וועלכע נויטיגן זיך דערין דאס מערסטע."

**Greater Syracuse Land Bank עקזעקיוטיוו דירעקטארין, Katelyn Wright (קעיטלין רייט), האט געזאגט,** "עס איז אונז אן עהרע זיך צו האבן באטייליגט אין דעם CrossMod פראבע פראגראם, און מיר זענען באאיינדרוקט געווארן מיט ווי שנעל די קאנסטרוקציע פראצעדור איז געגאנגען.

CrossMods זענען א שנעלע און אפּאָרדעבעל געלעגנהייט צו ארייננברענגען מער נייע און געזונטע האוזינג יוניטס פון א הויכע קוואליטעט אין אונזער קאמיוניטי. א דאנק פאר גאווערנער Hochul (האקול) און די HCR."

**Champion Homes סעילס מענעדזשער, James Davis (דזשעימס דעיוויס), האט געזאגט,** "די נויט פאר אפּאָרדעבעל האוזינג גייט נישט אוועק. דער MOVE-IN פראגראם אדרעסירט די האוזינג קריזיס מיטן פולן קראפט מיט פאבריק-געבויטע האוזינג. דער פראגראם ברענגט אפּאָרדעבעל היימער אויף די מארקעט שנעלערהייט. מיר באדאנקען גאווערנער Hochul (האקול), קאמישאנער Visnauskas (וויסנאַסקעס) און אלע אונזערע שותפים פאר זייער פירערשאפט."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן